נומער 32

ע ק ז ע ק י ו ט י ו ו א ר ד ע ר

**אוועקשטעלן סטעיט אגענטור עסנווארג איינקויפונג ציהלן פון ניו יארק סטעיט אגריקולטורישע פראדוקטן**

**אזוי ווי**, ניו יארק'ס אגריקולטורישע אינדוסטריע איז א קריטישע חלק פון אונזער סטעיט'ס היסטאריע, עקאנאמיע און צוקונפט;

**אזוי ווי**, שוואכקייטן אין די לאנד'ס סופליי טשעינס האבן אונטערגעשטראכן די וויכטיגקייט פון האבן עסנווארג פראדוקציע אין די סטעיט;

**אזוי ווי**, שטיצן פארמס און היטן אויף זייער עקאנאמישע שטאנד טוט ביישטייערן צו די שטאנדהאפטיגקייט פון די סופליי טשעין;

**אזוי ווי**, די שוועריגקייטן מיט וועלכע ניו יארק'ס אגריקולטורישע אינדוסטריע פארמעסט זיך זענען פארגרעסערט געווארן דורך אינטערנאציאנאלע אנטוויקלונגען וואס זענען נישט אין קאנטראל פון פארמער אדער קונדן;

**אזוי ווי**, ניו יארק'ס רייכע ערד, וואסער גרייטקייט, לעבהאפטיגע אגריקולטורישע קאמיוניטי, אויסגעצייכנטע לאנד גרענט סיסטעם און גרויסע און פארשידנארטיגע מארקעטס גיבן פאר ניו יארק סטעיט די מעגליכקייט זיך צו באנוצן מיט אירע עסנווארג איינקויפונג פאליסיס און פראגראמען צו בויען א מער שטאנדהאפטיגע און גלייכע עסנווארג סיסטעם;

**אזוי ווי**, סיי דאס אוועקשטעלן ציהלן פאר סטעיט אגענטורן צו איינקויפן עסנווארג און עסנווארג פראדוקטן וועלכע זענען געוואקסן, געשניטן אדער פראדוצירט געווארן אין ניו יארק און סיי דאס ענדערן דעם אלגעמיינע מוניציפאלע געזעץ צו גיבן מער שיקול הדעת פאר סקול דיסטריקטס צו קענען איינקויפן ניו יארקע אגריקולטורישע פראדוקטן וועלן ביידע פארשטערקערן לאקאלע עקאנאמיעס און ביישטייערן צו א מער שטאנדהאפטיגע און גלייכע עסנווארג סיסטעם אריבער די סטעיט;

**יעצט, דערפאר, טוה איך, קעטי האקול**, גאווערנער פון ניו יארק סטעיט, מיט די אויטאריטעט געגעבן צו מיר דורך די קאנסטיטוציע און געזעצן פון ניו יארק סטעיט, דערמיט ארויסגעבן די ארדער וואס וועט זיין אין קראפט ביז א צייט וואס איך קען דעקלערן ווי פאלגנד:

I. באדייטן

A. "סטעיט אגענטורן" מיינט סיי וועלכע אגענטור אדער דעפארטמענט איבער וועלכע די גאווערנער האט עקזעקיוטיווע אויטאריטעט, אריינרעכענענדיג אלע אפיסעס און דיוויזיעס פון זיי און אזוי אויך אלע פובליק אויטאריטעטן פאר וועלכע די גאווערנער באשטימט די פארזיצער, די טשיף עקזעקיוטיוו אדער די מערהייט פון באורד מיטגלידער, אריינרעכענענדיג אלע אפיסעס און דיוויזיעס פון די אויטאריטעטן — חוץ פון די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי. סטעיט אגענטורן רעכנט אויך אריין די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק און די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק.

B. "ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן" מיינט אגריקולטורישע פראדוקטן און עסנווארג וואס זענען געוואקסן, געשניטן, פראדוצירט אדער פראצעסירט געווארן אין ניו יארק סטעיט. פראצעסירטע עסנווארג וואס ווערן צוזאמגעשטעלט פון רויע מאטעריאלן פון סיי אינעווייניג און אינדרויסן פון די סטעיט קענען פאררעכנט ווערן אלץ ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן אויב (1) די הויפט ווערט אדער קוואנטיטעט קומט פון עסנווארג וואס איז געוואקסן, געשניטן אדער פראדוצירט אין ניו יארק סטעיט און (2) די פראצעסירונג פון די עסנווארג פראדוקטן קומט פאר אין איינריכטונגען וועלכע געפונען זיך אין ניו יארק סטעיט.

C. "אגריקולטורישע פראדוקטן און עסנווארג" רעכנט אריין אלע עסנווארג און געטראנקען וועלכע זענען געווידמעט פאר מענטשן צו עסן און טרונקען וועלכע קענען געקויפט ווערן נוצנדיג סיי וועלכע פינאנצירונג שטרוים וואס ווערט אנגעפירט דורך סיי וועלכע סטעיט אגענטור, אריינרעכענענדיג דורך סיי וועלכע פעדעראל-פינאנצירטע פראגראמען.

II. ניו יארק סטעיט עסנווארג איינקויפונג ציהלן פאר סטעיט אגענטורן

A. אויף אזוי ווייט ווי סטעיט אגענטורן קויפן איין עסנווארג אדער עסנווארג פראדוקטן, אריינרעכענענדיג דורך סערוויסעס פארוואס זיי גיבן ארויס קאנטראקטן: (א) שוין יעצט דארפן אזעלכע סטעיט אגענטורן קלאר אנדייטן פריאריטעט צו איינקויפן ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן ווען אימער ערררייכבאר; און פרובירן צו פארמערן איינקויפונג ווי פאלגנד, (ב)(1) אום אדער בעפאר די ענדע פון 2023 זאלן 5 פראצענט פון די סטעיט אגענטור'ס איינקויפונגען פון עסנווארג אדער עסנווארג פראדוקטן זיין ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן; (2) אום אדער בעפאר די ענדע פון 2024 זאלן 15 פראצענט פון די סטעיט אגענטור'ס איינקויפונגען פון עסנווארג אדער עסנווארג פראדוקטן זיין ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן; (3) אום אדער בעפאר די ענדע פון 2025 זאלן 20 פראצענט פון די סטעיט אגענטור'ס איינקויפונגען פון עסנווארג אדער עסנווארג פראדוקטן זיין ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן; (4) אום אדער בעפאר די ענדע פון 2026 זאלן 25 פראצענט פון די סטעיט אגענטור'ס איינקויפונגען פון עסנווארג אדער עסנווארג פראדוקטן זיין ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן; (5) אום אדער בעפאר די ענדע פון 2027 זאלן 30 פראצענט פון די סטעיט אגענטור'ס איינקויפונגען פון עסנווארג אדער עסנווארג פראדוקטן זיין ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן.

B. די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס זאל פארזיכערן אז אירע צענטראליזירטע עסנווארג קאנטראקטן גיבן דין קדימה פאר ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן וועלכע זענען דא צו באקומען דורך אזעלכע קאנטראקטן.

C. סטעיט אגענטורן וועלכע קויפן איין עסנווארג זאלן יערליך באריכטן צו די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס די סומע אין דאלארן פון ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן וועלכע זענען איינגעקויפט געווארן דורך די באריכטנדע סטעיט אגענטור, אריינרעכענענדיג די פראדוקטן וועלכע זענען איינגעקויפט געווארן דורך סערוויס פראָווײַדערס אונטער קאנטראקט; די ווערט אין דאלארן פון אלע עסנווארג און עסנווארג פראדוקטן וואס זענען איינגעקויפט געווארן דורך די סטעיט אגענטור; און די פראצענטן פון די ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן ארויס פון אלע אגריקולטורישע פראדוקטן און עסנווארג וואס זענען איינגעקויפט געווארן אין די יאר פאר וואס זיי באריכטן. ביז מערץ 31 פון יעדע יאר זאלן סטעיט אגענטורן אריינגעבן די אינפארמאציע פאר די פאריגע יאר אויפן לוח צו די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס.

D. אויף אזוי ווייט ווי סיי וועלכע סטעיט אגענטור וואס קויפט איין עסנווארג אדער עסנוואר פראדוקטן איז נישט אומשטאנד צו איינקויפן די פראצענט פון ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן ווי פארגעשטעלט אויבן, וועט די סטעיט אגענטור באריכטן צו די גאווערנער די סיבות וואס פארמיידן דאס איינקויפן ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן אויף די געפאדערטע מינימום שטאפלען און אלע שריט וואס די סטעיט אגענטור האט אונטערגענומען צו העלפן פארמערן דאס איינקויפן ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן ביז די געפאדערטע מינימום צום ווייניגסטנס.

E. ביז אקטאבער 30, 2023, זאלן די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס און די דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס אויסנוצן מיטלען און פינאנצירונג וואס זענען שוין דא צו באקומען צו ארגאניזירן און צוזאמברענגען אן ארבעט גרופע אריינרעכענענדיג די דעפארטמענט פון טורמע און קאמיוניטי אויפזיכט, די אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע, די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט און די אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס, די העלט דעפארטמענט, די אפיס פון פארעלטערנדע מענטשן און אנדערע סטעיט אגענטורן און פארמישטע קערפערשאפטן מיט ערפארונג אין דאס אינדענטיפיצירן ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן און מאכן קאנטראקטן און איינקויפן דערפון, צו דירעקט אדער דורך עסנווארג סערוויס קאנטראקטארס. די ארבעט גרופע זאל: (1) טרעפן געלעגנהייטן פאר- און שטרויכלונגען צו- פארמערן דאס איינקויפונג פון ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן; (2) רעקאמענדירן אנווייזונגען וויאזוי צו ארויסהעלפן סטעיט אגענטורן צו פארגרעסערן די מאס פון ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן וואס זיי קויפן איין; (3) אנאליזירן די מעגליכע בענעפיטן און ערררייכבארקייט פונעם אננעמען סטעיט עסנווארג איינקויפונג מאדעלן וואס נעמען אין באטראכט און פאסן זיך צו פאר די באהאלטענע קאסטן פון עסנווארג פראדוקציע; און (4) רעקאמענדירן פאדערונגען פאר זאמלונג פון אינפארמאציע און באריכטונג אין באציאונג צו דאס ערררייכן צו ציהלן אוועקגעשטעלט דורך די עקזעקיוטיוו ארדער.

F. לאקאלע רעגירונגען און סקול דיסטריקטס ווערן געמוטיגט זיך צו אנשליסן מיט די סטעיט'ס באמיאונגען צו פארגרעסערן די פראצענטן פון די ניו יארק סטעיט עסנווארג פראדוקטן וואס זיי קויפן איין צו 30 פראצענט פון זייער יערליכע עסנווארג און עסנווארג פראדוקט איינקויפונגען.

א ר ו י ס ג ע ג ע ב ן אונטער מיין האנט און אונטער דעם

אפיציעלן זיגל פון די סטעיט אין די סיטי אָוו אלבאני

אום דעם דריי און צוואנציגסטער טאג פון אויגוסט,

אין דעם יאר צוויי טויזנט דריי און צוואנציג.

דורך די גאווערנאר

סעקרעטאר פאר די גאווערנער